# ברוקלין העלטה אינפארמאציע אויסטויש: אינפארמאטיווער פאקט בויגן

### איבער געזונטהייט אינפארמאציע אויסטויש

איר באקומט ווארשיינליך מעדעצינישע באהאנדלונג פון מערערע פארזארגער, אריינגערעכנט שפיטעלער, קליניקס, נוירסינג היימען און האום קעיר אגענטורן. יעדע פארזארגער האלט איר אייגענע מעדעצינישע רעקארד איבער אייך, אריינגערעכנט אינפארמאציע איבער וועלכע מעדעצינען איר נוצט און וועלכע טעסטס איר זענט אדורך.

ווען אייערע העלטה קעיר פארזארגער קענען מיטטיילן אינפארמאציע איינער מיט'ן אנדערן, קענען זיי אייך צו-שטעלן בעסערע באהאנדלונג – ספעציעל אין אן עמוירזשענסי. צו געבן פארזארגער וועלכע געבן זיך אפ מיט אייער געזונט א בעסער בילד פון אייער מעדעצינישע היסטאריע, פריער'דיגע באהאנדלונגען, טעסט רעזולטאלטן און אלערגיעס, העלפט זיי מאכן די אממערסטנס פונקטליכסטע דיאגנאזא און צושטעלן די בעסטע באהאנדלונג.

### איבער "ברוקלין העלטה אינפארמאציע אויסטויש" (BHIX)

BHIX איז א נאן-פראפיט ארגאניזאציע וועלכע בינדט צוזאם העלטה קעיר פארזארגער – אריינגערעכנט שפיטעלער, נוירסינג היימען, האום העלטה אגענטורן, אפטייקן און קלינישע לאבאטאריעס – איבער גאנץ ברוקלין.

BHIX'ס פארזיכערטע קאמפיוטער סיסטעם העלפט אייערע דאקטוירים, נוירסעס אין אנדערע העלטה קעיר פראפעשאנעלס צו צו-קומען צו אייער געזונט אינפארמאציע. פארזארגער וואס נוצן BHIX קענען אייך צושטעלן בעסערע באהאנדלונג און פארבעסערן די קוואליטעט פון מעדעצינישע באהאנדלונג וואס זיי גיבן פאר אלע פאציענטן.

ביטע גייט פארזיכטיג איבער דעם פאקט בויגן אייך צו העלפן באשליסן צי איר ווילט געבן ערלויבעניש פאר סיי וועלכע פון די BHIX אנטיילנעמנדע פארזארגער ארגאניזאציעס ("אנטיילנעמנדע פארזארגערס") צו האבן צוטריט צו אייערע מעדעצינישע אינפארמאציע דורך BHIX.

### ווי אזוי BHIX פארבעסערט באהאנדלונג

BHIX'ס ציל איז צו פארבעסערן די קוואליטעט, פראקטישקייט, און זיכערהייט פון באהאנדלונג דורך צו-שטעלן העלטה קעיר אינפארמאציע פאר פארזארגער מער צייטליך.

*קוואליטעט:* האבענדיג מער קאמפלעט, אפ-טו-דעיט אינפאמאציע, ווען אייערע דאקטוירים אייך בעסער קענען צו-שטעלן די ריכטיגע באהאנדלונגען און סערוויסעס. פארמערטע קלינישע אינפארמאציע העלפט צו דאס פארבעסערונג אינעם פעלד פון באהאנדלונג קא-ארדינאציע און קרענק פארוואלטונג, און גיט א געלעגנהייט פאר אנטיילנעמנדע פארזארגער צו פארבעסערן די קוואליטעט פון באהאנדלונג פאר אלע פאציענטן.

*פראקטישקייט:* אזוי ווי אייערע דאקטוירים וועלן קענען זעהן געזונטהייט באריכטן פון אנדערע ארגאניזאציעס, איז מעגליך אז איר וועט נישט דארפן נאכאמאל נעמען די זעלבע טעסטס. עס איז אויך מעגליך אז איר וועט נישט דארפן געבן דראג און מעדעצינישע אינפארמאציע נאכאמאל און ווידעראמאל פאר מערערע אנטיילנעמנדע פארזארגער.

*זיכערהייטס:* אייער מעדעצינישע היסטאריע וועט פיגורירן אין BHIX, כדי אז אייערע דאקטוירים זאלן קענען מאכן בעסערע באשלוסן און פארמיידן טעותים ביים פארשרייבן מעדעצינען און אנדערע באהאנדלונגען פאר אייך.

### צו וואס פארא אינפארמאציע וועט מען האבן צוטריט

*העלטה אינפארמאציע קוועלער*: אינפארמאציע צו וועלכע מען האט צוטריט דורך BHIX קומט פון פארשידענע געזונטהייט אינפארמאציע קוועלער. די געזונטהייט אינפארמאציע קוועלער קענען אנטהאלטן אנטיילנעמנדע פארזארגער, אנדערע העלטה קעיר פארזארגער (ווי אפטייקן און קלינישע לאבאראטאריעס), העלטה אינשורערס, די ניו יארק סטעיט מעדיקעיד פראגראם און אנדערע העלטה אינפארמאציע אויסטוישן. א קאמפלעטע ליסטע פון יעצטיגע געזונטהייט אינפארמאציע קוועלער קען מען געפינען אויף www.bhix.org . די ליסטע וועט זיך טוישן פון צייט צו צייט, אינדערצייט וואס BHIX האלט אין איין וואקסן.

*אינפארמאציע סארטן:* אינפארמאציע צו וועלכע מען האט צוטריט דורך BHIX רעכנט אריין אלע אייערע מעדעצינישע אינפארמאציע, אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו, סענסיטיווע אינפארמאציע וועלכע זענען פארבינדן צו HIV/AIDS, מענטאל העלטה, גענעטישע קרענק אדער טעסטס, אלקאהאל אדער דראג מיס-באנוץ, געשלעכטליך-איבערגייענדע קרענק און פאמיליע פלאנירונג.

**איבער אייער רעכט צו קאנטראלירן צוטריט**

אלץ א פאציענט, האט איר די רעכט צו קאנטראלירן צי סיי וועלכע פון די אנטיילנעמנדע פארזארגער זאלן האבן צוטריט צו אייערע מעדעצינישע אינפארמאציע. יעדע אנטיילנעמנדע פארזארגער וואס איז פארמישט אין אייער באהאנדלונג מוז עקסטער באקומען אייער צושטימונג כדי צו האבן צוטריט צו אייערע מעדעצינישע אינפארמאציע דורך **BHIX**. די באשלוס אנטיילצונעמען אין **BHIX** איז פרייוויליג. קיין שום אנטיילנעמנדע פארזארגער וועט אייך נישט צוריקווייזן מעדעצינישע באהאנדלונג און אייער אינשורענס בארעכטיגונג וועט נישט ווערן באווירקט אויב איר נעמט נישט אנטייל אין **BHIX**.

**BHIX פאציענט צושטימונג פארם**

*געבן צושטימונג:* כדי צו ערלויבן פאר אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער צו האבן צוטריט צו אייער מעדעצינישע אינפארמאציע דורך **BHIX**, ביטע צייכנט אן אז איר גיט די צושטימונג אויף א **BHX** פאציענט צושטימונג פארם און שיקט צוריק די פארם צו אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער ביי אייער נעקסטע באזוך. אויב איר שטימט צו, וועלן נאר אזעלכע מענטשן וואס זענען פארמישט אין געבן אדער פארבעסערן די קוואליטעט פון מעדעצינישע באהאנדלונג און זענען אויטאריזירט דורך אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער צו נוצן **BHIX**, קענען האבן צוטריט צו אייער מעדעצינישע אינפארמאציע.

*אפזאגן צושטימונג:* אויב איר ווילט נישט ערלויבן פאר אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער צו האבן צוטריט צו אייער מעדעצינישע אינפארמאציע דורך **BHIX** – *אפילו אין אן עמוירזשענסי פאל* – ביטע צייכנט אן אז איר זאגט-אפ צושטימונג אויף א **BHIX** פאציענט צושטימונג פארם און שיקט צוריק די פארם צו אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער ביי אייער נעקסטע באזוך.

א קאפיע פון די **BHIX** פאציענט צושטימונג פארם קען מען געפינען אויף **www.bhix.org** אדער קענט איר עס באקומען פון אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער.

**BHIX צוריקציען די צושטימונג פארם**

*צוריקציען צושטימונג:* אויב איר ווילט טוישן אייער מיינונג און צוריקציען צושטימונג אז אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער זאל האבן רעגלמעסיגע צוטריט צו אייער מעדעצינישע אינפארמאציע דורך **BHIX**, ביטע פילט אויס א **BHIX** צוריקציען פון ערלויבעניש פארם און שיקט עס צו אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער ביי אייער נעקסטע באזוך, אדער גיט עס פאר אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער'ס "פרייוועסי באאמטער". א קאפיע פון דעם פארם קען מען געפינען אויף **www.bhix.org** אדער קענט איר עס באקומען פון אייער אנטיילנעמנדע פארזארגער.

**וויכטיגע באמערקונג איבער עמוירזשענסיס**

אויב זאגט-אפ צושטימונג נוצנדיג די **BHIX** פאציענט צושטימונג פארם, וועלן אייערע אנטיילנעמנדע פארזארגער נישט קענען צוקומען צו אייער מעדעצינישע אינפארמאציע דורך **BHIX** – *אפילו אין אן עמויערזשענסי*.

**ווי אזוי** BHIX **באשיצט די פריוואטקייט און געהיימעניס פון אייער אינפארמאציע**

אנטיילנעמנדע פארזארגער פאלגן אויס ניו יארק סטעיט און פעדעראלע פריוואטקייט און געהיימעניס געזעצן. אנטיילנעמנדע פארזארגער זענען ערלויבט צו קוקן אויף אייער געזונט אינפארמאציע דורך **BHIX** נאר אויב זיי זענען פארמישט אין אייך דערלאנגן באהאנדלונג אדער פארבעסערן די קוואליטעט פון מעדעצינישע באהאנדלונג וואס זיי דערלאנגן פאר זייערע פאציענטן. **BHIX** האט איינגעשטעלט זיכערהייטס מיטלען צו פארמיידן אז אייער מעדעצינישע אינפארמאציע פון ארויסרינען צו אנדערע פאר אומפאסיגע צוועקן.

**ווי אזוי איר קענט באקומען מער אינפארמאציע איבער BHIX**

אויב איר האט א פראגע, פארלאנגט צו רעדן צום "פרייוועסי באאמטען" פון סיי וועלכע אנטיילנעמנדע פארזארגער. ער אדער זי וועט קענען ענטפערן אייערע פראגעס איבער **BHIX** אדער טרעפן איינער וואס קען אייך העלפן. איר קענט אונז אויך שיקן אן אימעיל צו **info@bhix.org**.

פאר ווייטער'דיגע אינפארמאציע איבער BHIX, ביטע באזוכט אונזער וועבסייט אויף www.bhix.org. ווי מער BHIX צעוואקסט זיך, וועט די וועבסייט אנטהאלטן די לעצטע ליסטעס פון געזונטהייט אינפארמאציע קוועלער און א קאמפלעטע ליסט פון אנטיילנעמער מיט קאנטאקט אינפארמאציע.

ברוקלין העלטה אינפארמאציע אויסטויש (*BHIX*)
1045 39th Street
Brooklyn, NY 11219

*טעלעפאן:* 718-283-5650
פאקס: 718-283-5750
info@bhix.org